# די קינסטלערין פראנס לערנער

עקיבא פישבין

פאראן אין פאריז אן ארגאניזם מיטן נאמען - "פונדאציע פון פראנצויזישן יידנטום". בעצם, איז דאס א כל הנערים-טלית, וואס נעמט ארום א צענדליק קלענערע פונדאציעס. דאס האבן יידן מיט אן אויער פארן קול יעקב מנדב געווען געלטער און געשאפן איניציאטיוון לכבוד חיינו ואורך ימנו.

איינע אזא פונדאציע איז די א.ג. "פרויען-קאאפעראציע" מיט איר פרייז פאר א פרוי, וואס צייכנט זיך אויס מיט אן אויפטו. פון א באזונדערן מין. די היי-יאריקע פרייז-טרעגערין איז די יונגע טאלאנטירטע קינסטלערין, די געבוירענע אין פראנקרייך, פראנס לערנער - אן עולה חדשה מיטן וווינארט אין ירושלים.

לאמיר באטאנען תיכף ומיד - דער קינסטלערישער דיבור פון דער יונגער פראנס לערנער, אין דער סקולפטור און אין איר סובטעלער און אריגינעלער צייכענונג, פארמאגט דעם טעם פון א טיפער געדיכטער שטילקייט. דארט פליסט דער "שטילער, שטילער, לאמיר שווייגן" (שמערקע קאטשערגינסקי ז"ל). שטיל ברומט אין דער פראנס לערנער-קונסט דער טרויער, שטילערהייט טריפט דער ווייטיק דארט: פאוואליע, פאוואליע טוט דער שטילער אויסזינג פארפלייצן אייער געמיט, און די פיאניסימא-אקארדן, וועלכע די קינסטלערין לאזט הערן, נעמען קלינגען אין די אויערן - ווי א ממעמקים-געשריי! אט, אזוי אבלדיק-שטיל ניגונט פראנס לערנער דעם איכה ישבה בדד אירן פון חורבן השואה!

און טאקע אזוי - ווי אנדערש קען מען אויסהילכן דעם אימהדיקן קול השואה אויב נישט בקול דממה דקה? האט דאך געפסקנט א מאל א גוטער ייד, אז שווייגן איז דאס גרעסטע געשריי!

די מעשה איז נאר בלויז, וואס, כדי דער קול דממה דקה זאל קריגן דעם שארפן גלי פון א ממעמקים-געשריי, מוז מען אים שלייפן און פאלירן. נישקשה - פארלאזט אייך אויף דער יונגער פראנס לערנער: זי האט א גבורה צו שלייפן און פאלירן איר שפראך - זי טוט שארפן איר דיבור אזוי, אז ער גיט א שניט אין אונדזער געמיט.

אויף אריינצוקוקן אין אונדז איר רעקוויעם-מוזיק, טוט די קינסטלערין מאדולירן אפט די פארב און די טאנאליטעט פון איר ניגון. זי היפערט פלינק פון אבסטראקטן צום פיגוראטיוון לשון. ביז גאר דערפינדעריש-קלוג איז זי משדך חומר פון פארשידענעם מין און פארשידענער סובסטאנץ. עפעס פארמאגט זי, פראנס לערנער, א גאנצן ארסענאל פון פלאסטישע המצאות. און מיט אזא עשירותדיקן באגאזש פון קינסטלערישער יכולת שרפהט זי אויס דעם מענטשלעכן ווי-און-ווינד: זי טוט א טרייסל מיטן צושויערס געמיט: זי צעאקערט דאס געוויסן פון מענטש!

לאמיר נעמען פאר א ביישפיל איר בראנדזענע סקולפטור "עור ואור" (הויט און ליכט). די דאזיקע יצירה פארסכהכלט, אין א געוויסער מאס, דעם רייכן דיאפאזאן פון איר קינסטלערישער יכולת.

אט, איז דער אינהאלט פון דער יצירה.

איבער א האריזאנטאל צעצויגענעם דראט הענגט פארשפרייט, ווי צו טריקענען, א מין הויטיק-אבסטראקטע מאסע - עלעהיי אן אויסגעדינטער זאק פול מיט צויטנס. די מעשה איז אבער, וואס דער צעצויגענער דראט איז נישט סתם א דראט: און - דאס וואס הענגט אריבערגעווארפן איבערן דראט איז אויך נישט סתם עפעס דארט אן אבסטראקטע מאסע צום טריקענען... דער דראט - דאס איז א שטעכלדראט פון יענע נאצישע לאגער-פארצוימונגען, אן אנגעלאדענע מיט עלעקטרישן שטראם. און די אבסטראקט-הויטיקע מאסע, פארצויגן איבערן דראט, כמו אן אלטער צעפליקטער זאק צום טריקענען - דאס איז, מיט א צייט צוריק געווען א מענטש בצלם אלוהים! דאס האבן די הינטישע ציין פון נאצי-לאגער צעפליקט זיין געביין, געמאכט פון אים א הויטיק-אבסטראקטע שמאטע מיט צויטנס...

איז, ווען אויסגערונען האט פון דעם לאגעריק דער בן-אדם-שאטן, די לעצטע האפענונג, דער לעצטער טראפן לעבן, האט ער זיך דערשלעפט יאקאש צום דראט-פארצוים, כדי מיט א מיתת-נשיקה זאל אים דער גליאיקער דראט באפרייען פון ערדישן גיהנום ביי די נאציס...

איז, אט איז דער אינהאלט פון דער "עור ואור"-שאפונג, געפורעמט אין א געמישטן נוסח פון פיגוראטיוון און אבסטראקטן לשון. פראנס לערנער איז אבער נאך נישט פארטיק מיט איר ווערק. זי האט עפעס נאך וואס צו זאגן. ארויסלאזן פון אירע שפעטישע הענט איר רעקוויעם-שיר אן אריינצוטריפן אין אים א טרער פון רחמים? ווי קאן זי דאס טאן?

ובכן, האט זי דעם העלד פון איר יצירה, דעם אומגליקלעכן נפש, דעם קרבן פון דער וויסטער חיה בצורת אדם, איינגעטונקען אין א טהרה-קוואל פון פאסטאר, אז לייכטן זאל זיין ארעמע הויט אין דער נאכט-פינצטערניש מיט א בלענדיק מיסטישער ליכט, ווי אין פסוק שטייט - ולילה אור בעדני - און ליכטיק ווערט פאר מיר די נאכט!

הקיצור - פון דער "הויט" איז געווארן "ליכט"!!!

די יונגע פראנס לערנער, דארף מען זאגן, איז שטארק באשעפטיקט מיט דער מערכה פון מענטש. דער בין אדם לחברו גייט נישט אראפ פון איר קינסטלערישן ווארשטאט.

אויף איר אויסשטעלונג, ביים באקומען דעם פרייז, איז דער ערשטער עקספאנאט אירער געווען א בראנדזענער ביוסט פון א מענטש מיט א קרוין פון שטעכלדראט איבער זיין קאפ: און געפורעמט איז דאס ווערק דווקא אין א שטרענג ריעאליסטישן סטיל, אז פאר יעדן אויג זאל קלאר זיין דאס געשריי פון דער בעלת היצירה.

דער קול דממה דקה, וואס פליסט אין דער קונסט פון דער יונגער טאלאנטירטער פראנס לערנער, איז א געשריי פון צער - א תקיפותדיקער פארלאנג - הערשן זאל אויף גאטס ערד א מענטשלעכע וועלט!!!